# שיחת

## ש"פ שמיני, כ"ו ניסן, מבה"ח אייר
## ה'תשמ"ז

•

הנחת הת' בלתי מוגה

יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושבע לבריאה

# מפתח


שיחה א':

שבת מברכים אייר הוא לעולם בחודש ניסן, וענינו - שחודש ניסן משפיע ענין הגאולה באופן של נסי נסים בעבודה שבטבע העולם בחודש אייר, ר"ת "אני ה' רופאך" (שלכתחילה לא אשים עליך), ור"ת "אברהם יצחק יעקב רחל" - עבודה דד' רגלי המרכבה, ביטול להרוכב, "די פערד (גוף ונה"ב) זאלן וויסן אז זיי זיינען פערד און זיינען בטל צו דער נשמה און פירן די נשמה וואוהין זי דארף גיין"; ההוראה מזה בנוגע להעבודה בפועל בזמן הקיץ ........................... ס"א

שיחה ב':

שבת מברכים אייר בשנה זו - בכ"ו ניסן, יום פטירת יהושע, שענינו - תלמידו של משה, ועבודתו - כיבוש הארץ, ויהושע מסר ענין זה לזקנים, המשכת ניסן (ניסי נסים) בטבע העולם; וכן נמשך מדור לדור - סמיכת איש מפי איש עד משה רבינו, שקבל תורה מעצמותו ית', "אותי אתם לוקחים", נצחוני בני נצחוני"; וכן הוא בנוגע לצעקת "עד מתי" - שזה מביא הגאולה בפועל, שלימות הכיבוש של כל הארץ (העולם) ........ סי"ז

שיחה ג':

א) שאלות בפרשתנו (לא,מד-מה) - "והתקדשתם והייתם קדושים וגו'" . סכ"ו

ב) לקוטי לוי"צ (ע' רסז) - "ר' יצחק פתח ברן יחד כבבי בקר" .... סכ"ז

ג) פרקי אבות - כפל ההוראה ד"עשה לך רב", החילוק ביניהם ..... סכ"ח

ד) שיעור היומי ברמב"ם (הל' אישות פי"ח ה"ו) - "הניח נשים רבות אע"פ שנשאם זו אחר זו ניזונית בשוה שאין דין קדימה במטלטלין" - ב' דיעות בשיטת הרמב"ם, באם אין דין קדימה גם בקרקעות או לא ..... סכ"ט

ה) המשך הביאור (בשיחת אחש"פ) בגדר מצות חינוך מד"ס ......... ס"ל

שיחה ד':

א) הביאור בפרש"י ............................ סל"ה

ב) הלימוד מפרש"י בקשר עם ענין החינוך; ההוראה מזה - בנוגע להשתדלות שכל ילד וילדה מישראל יהי' במשך הקיץ באוירה של תורה ויר"ש; דבר המבהיל - שסוגרים ישיבות וכו' במשך זמן הקיץ - הרי התורה היא חיינו ואורך ימינו ........................... סל"ז

ג) הביאור בלקוטי לוי"צ - גבורות ממותקות, ענין עקידת יצחק - בעבודת האדם ............................ סל"ט

ד) הביאור בפרקי אבות ............................ סמ"א

ה) הביאור ברמב"ם, ב' אופנים בגדר הנישואין - פעולה נמשכת, או קנין חדש בכל יום; ב' ענינם בנישואי הקב"ה וכנס"י ................ סמ"ד

שיחה ה':

חלוקת משקה ............................ סמ"ז

שיחה ו':

ע"ד יסוד שכונה חדשה בירושלים עיה"ק; נתינת משקה ............ סמ"ח

בס"ד. שיחת ש"פ שמיני, מבה"ח אייר, כ"ו ניסן ה'תשמ"ז.

הנחת הת' בלתי מוגה

א. שבת מברכים אייר איז אלעמאל אין דעם סוף פון חודש ניסן, אזוי ווי יעדער שבת מברכים איז בסוף פון דעם חודש שלפניו.

וואס דאס (וואס שבת מברכים איז אלעמאל אין דעם פריערדיקן חודש) באוויזט, אז יעדער חודש (מיט אלע אויסגעטיילטע ענינים וואס ווערן פארקומען אין דעם חודש) באקומט זיין ברכה והשפעה פון דעם (סיום פון דעם) פריערדיקן חודש. אין אונזער פאל – חודש אייר באקומט זיין ברכה פון חודש ניסן.

ב. און מ'קען דאס ערקלערן דערמיט וואס אזוי איז דער סדר אין דער בריאה בכלל: די גאנצע וועלט איז אויסגעשטעלט געווארן אין אן אופן פון משפיע ומקבל[1] – ווי פארשטאנדיק פון דעם וואס אזוי זיינען בני אדם אויסגעשטעלט, ווי עס שטייט אין מדרש[2], אז דוד המלך האט געפרעגט דעם אויבערשטן "תיישר עולמך בשוה העשירים והעניים": וויבאלד אז דער אויבערשטער איז "הזן ומפרנס לכל", און מ'בעט "ונא אל תצריכנו לידי מתנת בשר ודם כו' כי אם לידך המלאה כו'", ווי יעדער איד (אויך אן עני המחזר על הפתחים) זאגט אין ברכת המזון – האט דער אויבערשטער אליין געדארפט שפייזן די עניים. האט דוד המלך געפרעגט: פארוואס האט דער אויבערשטער באשאפן עניים און עשירים, און אז די עניים זאלן דארפן אנקומען צו די עשירים פאר זייער פרנסה? האט אים דער אויבערשטער געענטפערט: "חסד ואמת מן ינצרוהו"[3], "אם יהיו כולם עשירים...מי יוכל לעשות חסד" [כידוע אז השפעת חסד (גמ"ח) בעולם איז אן ענין עיקרי – איינער פון די שלשה עמודים שעליהם העולם עומד, ווי עס שטייט אין היינטיקן פרק[4]].

און דערפון וואס בני אדם זיינען פאנאנדערגעטיילט אויף משפיע ומקבל (עשיר ועני) – איז פארשטאנדיק אז אזוי איז דאס אויך אין דער גאנצער בריאה, ווארום די בריאה איז באשאפן געווארן "בשביל ישראל"[5], מוז מען ע"פ שכל זאגן אז ער איז מעין זה צוליב וועלכע ער איז באשאפן געווארן (ישראל) [ועד"ז לאידך גיסא: מ'מוז זאגן אז יעדער זאך אין וועלט שפיגלט זיך אפ ביי א אידן – ווי עס שטייט אין תנחומא[6] עולם קטן זה האדם, וכל מה שיש בארץ

---

1) ראה סידור עם דא"ח שער הת"ת צז, ג ואילך. וראה מאמרים שבהערה הבאה. 2) תנחומא משפטים ס. שמו"ר פל"א, ה ובפירוש ידי משה שם. וראה אוה"ת דרושים לר"ה ע' א'שצד. סה"מ תרכ"ז ע' שצס. סה"מ פר"ת ע' קלה ואילך. תרפ"ו ע' קס ואילך. סה"מ קונטרסים ח"א קיס, א ואילך. אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ד ע' מד ואילך. ח"ו ע' רנה. ח"י ס"ע לה ואילך. ועוד. 3) תהלים סא, ח. 4) פ"א מ"ב. וראה שם מי"ח. 5) פרש"י ר"פ בראשית. 6) פקודי ג.

יש באדם, כמפורש באבות דר' נתן[7], כולל אויך אז די בריאה שטעלט זיך אויס אין משפיע ומקבל. אזוי ווי ישראל שטעלן זיך אויס אין משפיע ומקבל (עשיר ועני) בכדי עס זאל זיין "חסד ואמת" בעולם.

[און דאס וואס אויך בני נח ווערן פאנאנדערגעטיילט אויף משפיע ומקבל – איז דאס צוליב דעם ענין הבחירה (ווי ס'איז מבואר[8] בנוגע צו אן אנדער ענין), וואס בחירה איז שייכות דוקא בא דברים דומים זל"ז.

ועפ"ז איז פארשטאנדיק דער נוסח הברכה "שלא עשני גוי" – ווייל אויב עס וואלט ניט געווען קיין שום דמיון (בחיצוניות עכ"פ) צווישן ישראל און בני נח (להבדיל), האט קיין ארט ניט די ברכה און שבח "שלא עשני גוי".

וגדולה מזה מצינו: בני נח האבן (מעין) דעם כח הבחירה[9] – כמובן מזה וואס זיי זיינען נצטוה געווארן אויף די ז' מצוות שלהם (ואיני מבקש אלא לפי כחן[10], במילא איז א ראי' אז זיי קענען דאס מקיים זיין), און זיי באקומען שכר ועונש אויף דעם[11] – מעין ובדוגמא דעם כח הבחירה בא אידן, אתם קרויים אדם[12], על שם אדמה לעליון[13], וואס דאס איז דוקא מכח הבורא, כמ"ש "הן האדם הי' כאחד ממנו"[14] (משא"כ בעלי חיים זיינען לכתחילה באשאפן געווארן מיט א טבע פון פעל אחד בלבד או ב' פעלים[15] [וכמבואר במ"א – ווי קען בא זיי זיין ב' פעלים], לדוגמא א חסידה איז באשאפן געווארן מיט טבע הרחמנות[16] (עכ"פ לאוהביו), און אן עורב בטבע האכזריות אפילו לבניו[17].

וי"ל, אז דער כח הבחירה בא ב"נ איז מצד ענין הבחירה פון אידן – עס זאל זיין א דמיון (אמיתי) צווישן ישראל וב"נ].

ג. וכשם ווי דאס איז אין כללות הבריאה, אזוי שפיגלט זיך עס אפ אין יעדער איינצלהייט פון דער בריאה [בדוגמא ווי א גאנצער

7) פל"א. 8) סה"מ תרנ"ו ע' שיט בשוה"ג. לקו"ש ח"ח ע' 155 הערה 45. חי"ז ע' 155 הערה 56 בשוה"ג. 9) ראה גם לקו"ש חס"ז ע' 574. 10) במדב"ר פי"ב, ג. 11) ראה רמב"ם הל' תשובה פ"ג ה"ה. הל' מלכים ספ"ח. שם פ"ט. 12) יבמות סא, א. 13) עשרה מאמרות מאמר אם כל חי. 14) בראשית ג, כב. 15) רמב"ם הל' תשובה רפ"ד. לקו"ת אמור לח, ב. וראה ד"ה כבוד מלכותך תר"ס. 15) הקדמת הרמב"ם לפיה"מ שלו. הובא בלקו"ת שם לז, ג. רד"ה כבוד מלכותך הנ"ל. ובכ"מ. 16) ראה פרש"י פרשתנו יא, יט. 17) ראה כתובות מט, ב ובפרש"י.

הנחת הת' בלתי מוגה .

גאנצער ים (שאין לו סוף[18]) שפיגלט זיך אפ אין יעדער טפה פון ים, און פון איין טפה בים קען מען מבחין זיין תכונת כל הים], סיי אין יעדער פרט פון מקום און סיי אין יעדער פרט פון זמן - אז יעדער פרט שבו [הן עשיר והן עני] האט אין זיך סיי דעם ענין פון "משפיע", אז ענין צו וועלכן שאר חלקי ופרטי הזמן ומקום דארפן אנקומען, און סיי דעם ענין פון "מקבל", וואס ער דארף אנקומען צו אן אנדער חלק ופרט (און אלע אנדערע חלקים ופרטים) בזמן ומקום.

עאכו"כ א זמן כללי - א (ראש) חודש, וואס איז אין זיך (בלאו הכי) כולל (און משפיע צו) אלע טעג פון חודש (בדוגמא ווי ראש האדם וואס איז כולל ומשפיע לכל אברי הגוף[19]),

[כידוע אז כללות הזמן שטעלט זיך אויס אין אן אופן פון כלל ופרט[20]: לכל לראש איז דא די סקירה אחת (ומחשבה אחת) וואס איז כולל כל הזמנים עד סוף כל הדורות. און דאס טיילט זיך אויף נו"ן אלפים יובלות[21], וואס יעדער יובל ווערט אנגערופן "עולם"[22] (מלשון זמן), ווייל דאס איז כולל כל הזמן. און יעדער יובל איז כולל שבעה שמיטות, וואס יעדער שמיטה איז כולל שבע שנים, וואס יעדער שנה איז כולל י"ב (אדער י"ג) חדשים, און יעדער חודש איז כולל כ"ט אדער למ"ד יום, און יעדער יום איז כולל כ"ד שעות, און יעדער שעה איז כולל רגעים, שניות וכו'],

איז ער סיי א "משפיע" און סיי א "מקבל" צו אלע אנדערע חדשים און חלקים אין זמן.

און ס'איז פארשטאנדיק, אז די השפעה און קבלה פון יעדער חודש (און זמן) איז נאך שטארקער אונטערשטראכן ביחס צו די חדשים הסמוכים לו (וואס דאס באווייזט אויף זייער סמיכות ברוחניות, א סמיכות אין זייער אינהאלט).

אבער וויבאלד אז משפיע און מקבל זיינען הפכיים - דעריבער איז אויסגעשטעלט געווארן, אז דער ענין פון "מקבל" אין חודש איז אונטערשטראכן בגלוי בעיקר אין אנהויבס חודש, וואס דעמולט איז ער מקבל די ברכה פון דעם שבת מברכים בסוף פון דעם פריערדיקן חודש, און דער ענין פון "משפיע" אין חודש איז בגלוי בעיקר אין סוף פון חודש, וואס דעמולט איז פאראן דער שבת מברכים וועלכער

18) ראה יבמות קכא, א. 19) ראה עטרת ראש שער ר"ה ספ"ב. 20) ראה ס' הליקוטים-דא"ח צ"צ ערך זמן. וש"נ. 21) מאמרי אדה"ז תקס"ט ע' פג (בשם ספר התמונה). ראה אוה"ת דרושים לר"ה ע' א'רפח. ובכ"מ. 22) ראה קידושין טו, א. מכילתא משפטים כא, ו.

הנחת הת' בלתי מוגה

איז מברך ומשפיע צו דעם קומענדיקן חודש.

ד.ה. אז דער אינהאלט פון שבת מברכים החודש איז - די ברכה והשפעה פון איין חודש אין דעם קומענדיקן חודש.

ד. כאטש אז אלע חדשים גלייכן זיך אויס דערמיט וואס זיי זיינען משפיע (בסוף החודש) און מקבל (בתחלת החודש), ווי מ׳זעט עס אין דעם וואס יעדער שבת מברכים זאגט מען דעם זעלבן נוסח פון ברכת החודש - איז אבער אין דעם גופא פאראן אן אונטערשייד צווישן איין חודש מיט א צווייטן, יעדער חודש (ובמילא יעדער שבת מברכים החודש) האט זיין ספעציעלער ענין וואס ער איז משפיע צו דעם קומענדיקן חודש, און וואס ער איז מקבל פון דעם פריערדיקן חודש.

ע"ד ווי דאס איז בנוגע צו הקרבת י"ב נשיאי השבטים: אע"פ וואס זיי האבן אלע מקריב געווען די זעלבע קרבנות - זעט מען אז די תורה חזר׳ט איבער בפרטיות די הקרבה של כל נשיא בפ"ע.

איז ידועה די שאלה בזה[23]: פארוואס דארף די תורה איבער׳חזר׳ן די זעלבע זאך י"ב פעמים. די תורה האט געקענט אויסשרייבן וועגן הקרבת נשיא הראשון, און דערנאך "וכן הקריב" די אנדערע נשיאים?!

מ׳קען ניט ענטפערן, אז דעמולט וואלט געכאפט אז די נשיאים שלאח"ז זיינען טפל צום נשיא הראשון - ווייל ס׳איז דא די עצה אז מ׳זאל שרייבן בתחלה וועגן הקרבת כל הנשיאים, "נשיא אחד ליום נשיא אחד ליום הקריב" כך וכך, און דערנאך אויסרעכענען די נעמען פון די נשיאים, וואס דאס וואלט מדגיש געווען אז זיי זיינען כולם בשוה.

מ׳זעט אז ווען די תורה חזר׳ט איבער פרשת אליעזר צוויי (אדער דריי) מאל - מאכט מען דערפון א גאנצער שטורעם, אז "יפה שיחתן של עבדי אבות לפני המקום מתורתן של בנים, שהרי פרשה של אליעזר כפולה בתורה והרבה גופי תורה לא נכתבו אלא ברמיזה"[24], אדער אפילו אויב עס שטייט בפירוש - שטייט עס נאר איין מאל.

קען מען דאך פרעגן: וואס פאר אן אויפטו איז די הכפלה פון פרשת אליעזר בערך צו פרשת הנשיאים וואו די קרבנות ווערן איבערגע׳חזר׳ט י"ב פעמים!

---

23) ראה מקומות שבהערה 25. 24) פרש"י חיי שרה כד, מב.

איז דער ביאור בזה[25]: אע"פ וואס די נשיאים האבן מקריב די זעלבע קרבנות - איז אבער "כל אחד ואחד הקריב לפי דעתו" מיט זיינע פרטי הכוונות שלו[26], והמשכות מיוחדות כו'. דעריבער חזר'ט איבער די תורה הקרבת כל נשיא בפ"ע.

עד"ז איז אויך בנוגע צו די י"ב חדשים - וועלכע זיינען כנגד די י"ב נשיאי השבטים[27] - אז אע"פ וואס בכל ראש חודש איז מען מקריב דעם זעלבן קרבן, און בזמן הזה - זאגט מען דעם זעלבן נוסח פון ברכת החודש - האט יעדער חודש זיין ענין מיוחד וואס ער איז משפיע צו אלע אנדערע חדשים און מקבל פון אלע אנדערע חדשים.

דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז די ברכה והשפעה (פון שבת מברכים -) פון איין חודש צום צווייטן - איז אפגעמאסטן לויט דעם אויסגעטיילטן אינהאלט סיי פון דעם חודש המברך, און סיי פון דעם חודש המתברך.

ע"ד ווי דאס איז בא השפעת רב לתלמיד - אז דאס איז לפי חושי וכלי הרב, יעדער רב איז משפיע לפי תכונתו. ווי די גמרא זאגט[28]: אתא דר"מ לקמי' דר' ישמעאל וגמר גמרא הדר אתא לקמי' דר' עקיבא וסבר סברא". און געמאסטן לפי חושי וכלי התלמיד, צו יעדער תלמיד לפי ענינו, ביז אז אפילו פון איין רב - איז יעדער תלמיד מקבל לויט זיינע הכלים. כמובן פון די משנה אין אבות[29]: חמשה (סוגי) תלמידים היו לריב"ז, ומונה שבחם כו' - כאטש אז אלע האבן מקבל געווען פון איין רב, ריב"ז.

אזוי איז אויך בנוגע צו היינטיקן שבת מברכים - וואס איז אין חודש ניסן און בענטשט חודש אייר, אז די ברכה והשפעה פון חודש ניסן צו דעם חודש אייר האט א ספעציעלן אינהאלט (וואס טיילט אים אויס פון אנדערע חדשים), וואס איז אפגעמאסטן לויט די "כלים" און איינגשאפטן פון דעם "משפיע" (חודש ניסן) און פון דעם "מקבל" (חודש אייר).

דערפון איז מובן, אז בכדי פארשטיין דעם תוכן הברכה והשפעה פון היינטיקער שבת מברכים, דארף מען פריער וויסן דעם תוכן פון די ביידע חדשים - חודש ניסן, דער "משפיע", און און חודש אייר, דער "מקבל".

ה. תורה אור וויל אז מ'זאל וויסן דעם תוכן פון די חדשים -

---

25) ראה של"ה מס' פסחים קמ, ב. לקו"ת ברכה צח, ג. ועוד. 26) במדב"ר פי"ג, יד ואילך. פי"ד, י-יא. 27) אוה"ת בא ע' רנד. ובכ"מ. 28) סוטה כ, א. 29) פ"ב מ"ס.

הנחת הת' בלתי מוגה

דעריבער האט תורה געגעבן די עצה אז די בעסטע וועג צו וויסן דעם ספעציעלן אינהאלט פון א חודש, בענינינו – חודש ניסן און חודש אייר (וואסביידע האבן אין זיך פיל ענינים) – איז פון זייערע נעמען, "ניסן" און "אייר", וואס איז זיי, ווי יעדער זאך, מחי' מהוה ומקיים, און גיט ארויס זייער אינהאלט.

און כאטש אז רז"ל זאגן[30] "שמות החדשים עלו בידם מבבל" (משא"כ לפנ"ז זיינען די שמות החדשים געווען – "חודש הראשון", "חודש השני" וכו'), איז[31]:

א) לאחרי וואס עלו עמהם מבבל זיינען זיי געווארן די שמות החדשים וועלכע מ'שרייבט אין שטרות ע"פ הלכה, ב) יש מפרשים אז נאר עלו עמהם מבבל (און ניט "נתחדשו בבבל"), ווייל אויך לפנ"ז זיינען געווען די שמות, נאר דעמולט האט מען זיך מיט זיי ניט אזוי באנוצט, און בשעת מ'האט עולה געווען מבבל, זיינען זיי געווארן די שמות העיקריים פון די חדשים, ג) בכל אופן – דער שם החודש "ניסן" ווערט דערמאנט אין מגלת אסתר[32].

דער נאמען "ניסן" (מיט צוויי נוני"ן) באדייט דער ענין פון "נסי נסים נעשו לו"[33].

דער נאמען "אייר" האט אין זיך צוויי ראשי תיבות: 1) "אני[34] ה' רופאך"[35] ("אייר" בהברה, מיט איין יו"ד), 2) "אברהם יצחק יעקב רחל"[36] ("אייר" בכתב, מיט צוויי יודי"ן), די ד' רגלי מרכבה[37] [און דערנאך איז דוד געווארן (בגלוי) דער רגל הרביעי[38]].

און אט די נעמען גיבן ארויס דעם אלגעמיינעם אינהאלט פון חודש ניסן און חודש אייר, און במילא אויך – אין וואס עס באשטייט די השפעה פון (שבת מברכים אייר בסוף) חודש ניסן אין חודש אייר.

ו. די ערקלערונג אין דעם:

30) ירושלמי ר"ה פ"א ה"ב. ב"ר פמ"ח, ס. תוד"ה מדברי – ר"ה ז, א. 31) בכ"ז ראה גם לקו"ש חכ"ג ע' 214 ואילך. וש"נ. 32) ג, ז. וראה גם נחמי' ב, א. 33) ראה ברכות נז, רע"א ובפרש"י. חדא"ג מהרש"א שם. 34) בשלח טו, כו. 35) חידוש החת"ס שבת קמז, ב. שער יששכר (להרה"צ כו' ממונקאטש) מאמר חודש אייר ס"ג. וראה ספר בין פסח לשבועות (אה"ק, תשד"מ) פ"א סכ"ב. וש"נ. 36) מאורי אור מערכת א אות פד. בית שמואל לאה"ע סקכ"ו ס"ק ב. וראה גם לקו"ש ח"א ע' 264 ואילך. 37) מאוא"א שם. 38) ראה זח"א רמח, ב. ח"ג רסב, ב. לקו"ש ח"ז ע' 301. וראה שערי זוהר (לר"ר מרגליות) למו"ק טז, ב.

הנחה הת' בלתי מוגה

חודש ניסן איז דער "חודש הגאולה" (ווי עס שטייט אין שמו"ר[39] "משבחר הקב"ה בעולמו קבע בו ראשי חדשים ושנים, וכשבחר ביעקב ובניו קבע בו ר"ח של גאולה שבו נגאלו ישראל ממצרים ובו עתידין ליגאל").

אין גאולה אליין זיינען פאראן פארשידענע אופנים. באדייט דער נאמען פון דעם חודש ("ניסן"), אז דער "חודש הגאולה" איז אין אן אופן פון "נסי נסים":

ס'איז דא א גאולה וואס איז מלובש בדרכי הטבע – ווי גאולת פורים[40], וואס איז דורכגעפירט געווארן ניט דורך נסים גלויים, נאר דורך פארשידענע פאסירונגען וואס זיינען געווען באהאלטן אין דרכי הטבע, און בגלוי האבן די וואס האבן דעמולט געלעבט ניט געזען דעם קשר והמשך פון די פאסירונגען, ווייל צווישן איין פאסירונג מיט דעם צווייטן איז דורך א משך זמן (פון "ויהי בימי מלך אחשורוש", ביז די סעודה שלש שנים לאחרי זה, ביז מעשה ושתי שבע ימים לאח"ז, ביז המלכת אסתר המלכה, חדשים לאחרי זה, ביז גזירת המן, און השתדלות אסתר וכו'), און לולי דער גילוי אין דעם סיפור אין מגילת אסתר ("מגילה" מלשון גילוי[41]) וועלכע דערציילט וועגן די פאסירונגען בהמשך זה לזה און פארבינדט זיי – וואלט מען ניט געקענט וויסן אז דערביי איז געווען א נס.

משא"כ גאולת מצרים (אין חודש ניסן, וואס קומט לאחרי גאולת פורים (ובאופן פון מעלין בקודש) – מסמך גאולה לגאולה[42]) איז געווען אין אן אופן פון נסים גלויים, נס מלשון "ארים נסי"[43], א זאך וואס שטייט בגלוי העכער פאר הנהגת הטבע, ביז ("ניסן" בפירוש) "נסי נסים".

ו. דער לימוד דערפון אין עבודת האדם.

[און א לימוד וואס איז שייך לכאו"א, ווארום וויבאלד אז "תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב"[44], אלס א ירושה צו יעדער איד – איז פארשטאנדיק, אז דאס איז שייך סיי צו קטני קטנים, און לאידך גיסא – אויך צו גדולים. וואס זיי קענען דאך מיינען אז מאי קמ"ל די ענינים, און דער ענין וואס שטייט אין שמות רבה (אז ניסן איז חודש הגאולה), זיי זיינען שייך צו העכערע דרגות. זאגט מען אז די הוראה איז אויך פאר זיי].

---

39) פט"ו, יא. 40) ראה בארוכה תו"א מג"א צג, א. שם, סע"ג. ק, א. ובכ"מ. 41) תו"א שם קיט, א. 42) ברכות כח, א. וש"נ. 43) ישעי' מט, כב. פרש"י יתרו כ, יז. וראה סידור עם דא"ח מד, סע"ב. אוה"ת: בשלח ע' תרסה; שה"ש (כרך א) ע' כט. סה"מ תרע"ח ע' פט. ועוד. 44) ברכה לג, ד.

הנחת הת' בלתי מוגה

חודש ניסן גיט א אידן כח צו זיך אויפהויבן און אויסגעלייזט ווערן (גאולה) פון אלע זאכן (פון עולם מלשון העלם והסתר, ובפרט פון חושך הגלות) וואס מאכן אים ענג, און מאכן ענג זיין אידישקייט.

און ניט בלויז אז ער ווערט קוים-קוים אויסגעלייזט, נאר אין אן אופן פון "נסי נסים", עס שטייט בגלוי ווי ער ווערט אינגאנצן אויפגעהויבן און אויסגעלייזט, באופן פון "מלכתחילה אריבער"[45], העכער פון אלע מדידות והגבלות.

ז. און חודש ניסן ("ראש חדשים"[46]) איז משפיע דעם ענין און געפיל פון גאולה אין אלע חדשי השנה און בכל הזמנים כולם (מצות עשה לזכור יציאת מצרים בכל יום, ביום ובלילה[47]).

צום אלעם ערשטן אין דעם חודש הסמוך לו – חודש אייר, וואס ווערט געבענטשט פון שבת מברכים אייר וואס איז אלעמאל בסוף חודש ניסן, און מיט א ברכה והשפעה בענין הגאולה (די תכונות פון "משפיע" – חודש ניסן), און געמאסטן לויט די תכונות פון חודש אייר (דער "מקבל") – ר"ת "אני ה' רופאך", און "אברהם יצחק יעקב רחל".

ח. והענין:

דער איבערגאנג פון חודש ניסן צו חודש אייר איז בפשטות א ירידה. ווארום חודש ניסן איז "חודש הגאולה", און מ'זאגט דעמולט ניט קיין תחנון[48] (ווייל מ'דארף דערצו ניט אנקומען, מ'ווערט נגאל פון די אלע ענינים אויף וועלכע מ'דארף זאגן תחנון[49]), און "נוהגין לעשות כולו קודש כעין יו"ט". משא"כ חודש אייר באשטייט פון ימי החול, ווען מ'זאגט תחנון, און מ'האט ניט צוטאן מיט עניני גאולה ויו"ט.

דאס הייסט, אז דער איבערגאנג פון חודש ניסן אין חודש אייר – איז א ירידה פון קודש אין חול, פון גאולה אין גלות, פון א הנהגה נסית ("נסי נסים") שלמעלה מן העולם אין הנהגת הטבע בגשמיות העולם, וואו ס'איז דא די אפשריות און מעגלעכקייט אויף א "חולי".

45) כפתגם אדמו"ר מהר"ש (הובא במכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר – אגרות קודש שלו ח"א ע' תריז). 46) בא יב, ב. 47) משנה ברכות יב, ב. רמב"ם הל' ק"ש פ"א ה"ג. שו"ע אדה"ז או"ח סס"ז ס"א. 48) טושו"ע או"ח סתכ"ט ס"ב. שו"ע אדה"ז שם ס"ח. סידור אדה"ז לפני "למנצח גו' יענך". 49) ראה גם שיחת ש"פ ויקרא ש.ז. ס"ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

ווי עס שפיגלט זיך אויך אפ אין תקופות השנה - כמבואר אין מפרשים דער טעם פארוואס מ׳זאגט "פרקי אבות" אין די שבתות נאך פסח (אנהויבנדיק פון שבת מברכים אייר) - ווייל "מכאן מתחיל הזמן להתחמם ומתעוררים התאוות הגופניות ויצר הרע מתחיל להשתרר ולהתגבר, ומסכתא זו (אבות) מלאה תוכחות ומעוררת האדם לרדוף אחר כל מדה טובה ומגברת יצר הטוב על יצר הרע"[50].

זעט מען דערפון, אז אין חודש אייר הויבט זיך אן א נייע תקופה (קיץ) אין די ירידה אין גשמיות וטבע העולם, און מ׳דארף אויף דעם אנקומען צו א ספעציעלע באווארעניש, מער ווי ס׳האט געדארפט זיין אין די ווינטערדיקע חדשים.

דאס הייסט, אז די ירידה פון חודש ניסן אין טבע וגשמיות העולם בחודש אייר לאזט אן ארט און א מעגלעכקייט אז ביי א איד זאל זיין א "מכה", "מום" און "חולי" ר"ל בעניני הנפש[51], וואס צוליב דעם דארף מען דעמולט זאגן תחנון, און האבן ספעציעלע באווארענישן צו זיך מתגבר זיין אויף די תאוות גופניות כו׳ (דורך לערנען פרקי אבות[52]).

און אויף דעם קומט די ברכה והשפעה פון (שבת מברכים אייר ב)חודש ניסן אין חודש אייר - א ברכה אפגעמאסטן לויט די תכונות[53] פון דעם חודש המשפיע און צוגעפאסט צו די באדערפענישן פון דעם חודש המקבל (חודש אייר): אז אין די עבודה בטבע העולם (בחודש אייר) זאל זיין דער ענין הגאולה באופן פון "נסי נסים" (פון חודש ניסן).

י. און די ברכה דריקט זיך אויס אין די צוויי ר"ת אין "אייר" - "אני ה׳ רופאך" (סור מרע), און "אברהם יצחק יעקב רחל" (עשה טוב):

אין די עבודה בטבע העולם בימי החול (בחודש אייר), ווען מ׳זאגט תחנון, ווייל ס׳איז דא א מעגלעכקייט אויף א "חולי" בנפש, זאל זיין ("אייר" ר"ת) "אני ה׳ רופאך", א רפואה פון אלע ענינים של חולי הנפש (וואס קענען קומען מצד הירידה בגשמיות העולם), און א רפואה וואס קומט פון חודש ניסן, א רפואה באופן של גאולה באופן של "נסי נסים" (לכתחילה אריבער אלע ענינים פון

---

50) מדרש שמואל לאבות בהקדמה (ד"ה אמר המחבר). 51) ראה רמב"ם הל׳ דעות פ"ב ה"א. שמונה פרקים להרמב"ם פ"ג ואילך. וראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ד ע׳ כח ואילך. שם ע׳ שנב ואילך. לקו"ש ח"א ע׳ 150 ואילך. 52) ראה מדרש שמואל שם. 53) לקו"ת ראה יט, רע"א. ד"ה כה תברכו תרכ"ו. ובכ"מ.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

גלות), ד.ה. ניט בלויז א רפואה מכאן ולהבא, נאר א רפואה וואס קומט פון "אני ה'", וואס דאס איז באופן אז מלכתחילה "לא אשים עליך (כי אני ה' רופאך)"[54].

[ווי דער ראגאטשאווער איז מבאר אויפן רמב"ם בהל' אישות[55] (אין דעם שיעור פון אחש"פ) – אז ס'איז דא אן אופן ברפואה וואס פועל'ט למפרע ולא נשאר רושם כלל, בדוגמא הפרת נדר ע"י חכם וואס ער איז עוקר הנדר מעיקרו. נאר וויבאלד אז תורה על הרוב תדבר[56], דערפאר איז המקדש את האשה על מנת שאין לה מומים, און דערנאך היילט איר אויס א רופא – אינה מקודשת, ווייל רפואה ע"פ רוב פועל'ט נאר מכאן ולהבא. משא"כ המקדש את האשה על מנת שאין לה נדרים, און דערנאך איז א חכם מפיר איר נדר, איז זי מקודשת, ווייל חכם עוקר הנדר מעיקרו].

יא. כשם ווי די ברכה פון ניסן אין אייר ווירקט בנוגע צו "אני ה' רופאך", אזוי ווירקט עס אויך – ("אייר" ר"ת) "אברהם יצחק יעקב רחל", די ד' רגלי המרכבה:

א מרכבה איז א דבר והיפוכו: א מרכבה איז ניט דער רוכב, נאר א באזונדער מציאות; אבער פון צווייטן זייט – איז זי אינגאנצן בטל צו דעם רוכב [און דערפאר איז אסור להשתמש עם מרכבת המלך*[56]], בלשון התניא[57] (בביאור מאחז"ל[58] "האבות הן הן המרכבה"): "שכל אבריהם כולם היו קדושים ומובדלים מענייני עוה"ז ולא נעשו מרכבה רק לרצון העליון לבדו כל ימיהם".

וואס אין דעם באשטייט די ברכה והשפעה פון חודש ניסן אין חודש אייר:

אין חודש ניסן איז ניט אזוי שייך די עבודה פון מרכבה (אברהם יצחק יעקב רחל), ווייל דעמולט שטייט מען לכתחילה העכער פאר עניני העולם, און אלקות לייכט בגלוי; משא"כ ווען מ'איז יורד אין חודש אייר אין טבע וגשמיות העולם, דעמולט הערט זיך אן מציאות העולם, אלס א באזונדער זאך פון דעם "רוכב (על המרכבה)" – באשטייט דעמולט די עבודה פון (אייר ר"ת) "אברהם יצחק יעקב רחל", ד' רגלי המרכבה – ניט מבטל זיין מציאות העולם, נאר ווי

---

54) ראה אוה"ת: בשלח ע' תקפד ואילך; נ"ך (כרך א) ע' שס; שה"ש (כרך ג) ע' תתקכב. ועוד. 55) פ"ז ה"ט. וראה גם שו"ת צפע"נ דווינסק סס"ז. צפע"נ להל' תשובה פ"ב ה"ב (בסופו). הל' איסו"ב פס"ז ה"ח. 56) ראה מו"נ ח"ג פל"ד. *56) ראה רמב"ם הל' מלכים פ"ב ה"א. 57) פכ"ג (כח, ב). 58) ב"ר פמ"ז, ו. פפ"ב, ו.

הנחת הת' בלתי מוגה

די "תחתונים" בלייבן "תחתונים" מאכט מען פון זיי א מרכבה ודירה לו יתברך[59].

ויש לומר, אז דאס איז ע״ד די צוויי נוסחאות אין די ווערטער פון ר׳ אברהם המלאך (דער זון פון דעם מגיד) צו דעם בעל עגלה בשעת ער איז אמאל געגאנגען באגלייטן דעם אלטן רבי׳ן איידער ער איז אוועקגעפארן פון מעזריטש[60]: איין נוסח - "מיא דארף שמייסן די פערד אז די פערד זאלן ווערן אויס פערד". א צווייטער נוסח - "אז די פערד זאלן וויסן אז זיי זיינען פערד". און אויף דעם האט דער אלטער רבי געזאגט, אז אים איז צוגעקומען א דרך חדש אין עבודה, און ער האט אפגעשטופט זיין נסיעה און איז געבליבן נאך צייט אין מעזריטש.

דער ביאור בזה: מצד די דרגא פון ר׳ אברהם המלאך - איז דער עיקר עבודה צו "שמייסן די פערד אז די פערד זאלן ווערן אויס פערד" - ד.ה. ביטול הגוף ונפש הבהמית [בדוגמא ווי די עבודה פון נדב ואביהוא (וואס רעדט זיך בפרשתנו - כמבואר באוה״ח[61] אז מצד זייער דביקות הכי נעלית אין אלקות זיינען זיי אויסגעגאנגען בכלות הנפש, פירוד הנשמה וגוף];

אבער דער סדר העבודה פאר רוב אידן איז - ניט ביטול הגוף ונה״ב, נאר זיי בלייבן א מציאות, אבער די מציאות גופא פון גוף ונה״ב ווערט נתהפך "אז די פערד זאלן וויסן אז זיי זיינען פערד", און זיי זיינען בטל (ווי א מרכבה) צום רוכב, צום נשמה (עושה נשמתו עיקר וגופו טפל), אזוי אז זייער גאנצע מציאות איז צו פירן די נשמה וואוהין זי דארף גיין אין דורכפירן איר שליחות (אלס א נשמה בגוף) צו מאכן א דירה לו ית׳ בתחתונים, און צו זיין א יד ורגל וכו׳ וואס איז א מרכבה צו אויספירן דעם רצון פון דער נשמה (וואס דאס איז דער רצון פון דעם אויבערשטן).

און דער כח וברכה לזה קומט פון (שבת מברכים אייר אין) חודש ניסן, חודש הגאולה באופן פון "נסי נסים" - אריינברענגען גאולה אין מציאות העולם, אזוי אז א איד, ווי ער געפינט זיך אין טבע העולם און פירט זיך אויף אין זיין טאג טעגלעכן לעבן בימי החול, זאל ער ווערן "עבדי הם, ולא עבדים לעבדים"[62], כולל ניט זיין פארשקלאפט צו זיין גוף און גשמיות העולם, נאר בלויז אן עבד ומרכבה וואס איז אינגאנצן בטל צו דעם אויבערשטן, "עבד מלך

---

59) ראה תנחומא נשא טז. תניא פל״ו. 60) לקו״ד ח״א ל, א. 61) ר״פ אחרי. וראה מאמרי אדה״ז: אתהלך לאזניא ע׳ לג; מארז״ל ע׳ תסה ואילך. אוה״ת אחרי ע׳ תקלח ואילך. ד״ה אחרי מות תרמ״ט. 62) ב״מ י, א.

מלך"[63], אזוי אז "והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני"[64], "כשם שאני קדוש כו' כך והתקדשתם, קדשו את עצמכם למטה, והייתם קדושים, לפי שאני אקדש אתכם למעלה כו'"[65].

און ער איז ממשיך די קדושה פון דעם אויבערשטן אין אלע זיינע וואכעדיקע זאכן - "כל מעשיך יהיו לשם שמים"[66] און "בכל דרכיך דעהו"[67], חולין שנעשו על טהרת הקודש[68], אזוי אז ער האט טאקע א גוף און הרחבה בגשמיות ("פערד") וואס שטייען בתוקף ספעציעל אין חודש אייר (התחלת זמן הקיץ), אבער "די פערד ווייסן אז זיי זיינען פערד", און זייער גאנצע מציאות איז ניט א מציאות פאר זיך, נאר בכדי ארויסהעלפן די עבודה פון דער נשמה, דעריבער האט ער ניט קיין הנאה גשמית פון זיין גוף וגשמיות, נאר מעין ובדוגמא ווי רבינו הקודש וואס האט געזאגט[69] "לא נהניתי מעולם הזה אפילו באצבע קטנה" (כאטש אז לא פסק מעל שולחנו צנון וחזרת כו').

ובפשטות: אז ער איז אינגאנצן ניט אונטערגעווארפן צו די גלייכגילטיקייט און קאלטקייט פון טאג טעגלעכן טבעיות'דיקן לעבן, וואס (טבע) פארבלענדט די אויגן און באהאלט[70] די השגחה פרטית פון דעם אויבערשטן אין יעדער פאסירונג אין וועלט, נאר ער זעט מיט ליכטיקע אויגן (בגלוי ממש) - ווי אלע פאסירונגען אין וועלט (טבע), וואס וועלן פאסירן אין דעם חודש אייר (ניט קוקנדיק אז זייער פארשידנקייט, ביז מן הקצה אל הקצה (ווי יעדערע זעט עס בא זיך אים לעבן), פארשידענע טעג, פארשידענע פאסירונגען, און אין פארשידענע ערטער אין וועלט) ווערן אנגעפירט פון דעם אויבערשטן און האבן צווישן זיך אמאל א שייכות (בדוגמא ווי די מגילה איז עס מגלה בנוגע די פאסירונגען וואס האבן געבראכט צו גאולת פורים - א גאולה המלובשת בדרך הטבע; אבער בנדו"ד איז דער חודש הגאולה מגלה אלקות שבטבע העולם נאך אין א שטארקערן אופן - באופן פון "נסי נסים").

יב. נאכמער:

לויט דעם אויבנדערמאנטן ביאור אז די וועלט איז

---

63) ב"ר פט"ז, ג. תנחומא צו יג. ספרי דברים א, ז. פרש"י עה"פ: לך טו, יח. בהעלותך יב, ח. דבירם שם. 64) פרשתנו יא, מד. 65) פרש"י עה"פ. 66) אבות פ"ב מי"ב. 67) משלי ג, ו. וראה רמב"ם הל' דעות פ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א. 68) ל' חז"ל - חגיגה יט, סע"ב. וש"נ. נת' בתו"א לך יב, ב. יג, א. סידור עם דא"ח קמה, ד ואילך. סהמ"צ להצ"צ ח, א. ועוד. 69) כתובות קד, א. טור או"ח שם. הובא בתניא פ"ח. 70) ראה שו"ת חכם צבי סי"ח. אוה"ת: נ"ך ע' תתקעז ואילך. שה"ש (כרך א) ע' שיד ואילך. סה"מ תרע"ח ע' פט. ועוד.

פאנאנדערגעטיילט אויף משפיע ומקבל (עני ועשיר) ווייל "חסד ואמת מן ינצרוהו" – איז פארשטאנדיק, אז דער טעם פארוואס מ'האט געגעבן חודש ניסן די כחות צו מברך ומשפיע זיין גאולה אין חודש אייר ("אני ה' רופאך", "אברהם יצחק יעקב רחל") איז ניט ווייל ער איז העכער; און דער טעם פארוואס חודש אייר איז א ירידה לגבי חודש ניסן (וואו ס'איז דא אן אפשריות אויף חולי כו') – איז ניט ווייל ער איז טאקע נידעריקער, נאר בכדי א) געבן חודש ניסן די מעגלעכקייט צו משפיע זיין חסד צו חודש אייר (ד.ה. אז דער מקבל – איז גאר דער משפיע, וואס גיט דעם משפיע דעם זכות צו משפיע זיין), און ב) אין אים אויפטאן און מגלה זיין דעם ענין פון "אני ה' רופאך" און "אברהם יצחק יעקב רחל" (עבודת המרכבה), א דירה בתחתונים (מגלה זיין אז אפילו דער תחתון שטייט אין אן אופן וואס לכתחילה "לא אשים עליך" און איז א מרכבה לאלקות) – וואס איז שלא בערך העכער פאר די עבודה פון חודש ניסן.

ויש לומר, אז דאס איז דער תוכן פון די מעשה וואס איך האב געהערט פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז פארנדיק אויפן שיף פון ארץ ישראל (בשנת תרפ"ט) איז אנגעקומען די ידיעה וועגן די פרעות אין חברון, האט עס אים געשאט אין געזונט און ער דערפון געהאט א נירן-אנפאל (ר"ל). אויפן שיף איז דעמולט אויך געווען דר. וואלאך. האט ער געגעבן כ"ק מו"ח אדמו"ר תרופות און אים איינגאנצן אויסגעהיילט[71].

דערנאך איז דער דאקטאר אריין צום שווער און אים געבעטן א תיקון. האט אים דער שווער געפרעגט: צוליב וואס דארף ער א תיקון – ער האט דאך אים אויסגעהיילט? האט ער געענטפערט: ס'איז א זיכערע זאך אז דער רבי דארף זיין געזונט, והראי' – אז דערנאך איז ער איינגאנצן אויסגעהיילט געווארן. איז דערפון פארשטאנדיק, אז אויב דער דאקטאר וואס קען אים אויסהיילן וואלט ניט געווען אויפן שיף, וואלט דער אויבערשטער ניט דערלאזט אז ער זאל לכתחילה האבן דעם אנפאל. דעריבער בעט ער – דער דאקטאר – א תיקון אויף דעם וואס ער האט גורם געווען.

דאס הייסט, אז דער דאקטאר האט מרגיש געווען, אז דאס וואס ער האט די כחות צו משפיע זיין און אויסהיילן, איז ניט ווייל ער שטייט העכער. און דאס וואס דער רבי ווערט ניט געזונט און איז פון אים מקבל א רפואה, איז ניט ווייל אזוי איז אמיתית הדברים, נאר באמת דארף זיין מלכתחילה "לא אשים עליך כי אני ה' רופאך" (ער דארף לכתחילה זיין געזונט), נאר דאס וואס ער האט געהאט דעם אנפאל איז בכדי א) געבן דעם דאקטאר די מעגלעכקייט און

---

71) ראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ס"ע ר ואילך.

זכות צו משפיע זיין, און ב) בכדי מגלה זיין דעם ענין פון לכתחילה "לא אשים עליך" אפילו אין א מצב של חולי (תחתון).

יג. פון דעם אלעם איז פארשטאנדיק דער אפלערנונג פון שבת מברכים אייר פאר יעדער איד:

האלטנדיק ביי ארויסגיין פון חודש ניסן אריין אין חודש אייר – קען א איד ווערן בא זיך אראפגעפאלן: בשלמא אין חודש ניסן, וואס איז "כולו קודש" און חודש הגאולה – האט ער געהאט כחות צו טאן זיין עבודה, אבער ווער ווייס וואס וועט איצטער זיין, ווען ער גייט צוריק צו זיין וואכעדיקע עבודה וואו ער איז פארזונקען אין דאגות הפרנסה און אין טבע וגשמיות העולם וכו', ובפרט אז עס הויבט זיך אן זומער צייט, ווען ס'איז דא א התגברות פון דעם יצה"ר ונה"ב (דער פערד), קען דאס אים שאטן ברפואת הנפש ר"ל (כנ"ל) – ווי וועט ער זיך דערמיט קענען איינקערן?

האט דער אויבערשטער איינגעשטעלט אז בסוף חודש ניסן זאל זיין א שבת מברכים אייר, וואס גיט א אידן כח צו אריינברענגען גאולה אין אלע זיינע וואכעדיקע זאכן, און דאס זאל אויפטאן אז אפילו אויב ס'איז דא א קס"ד אויף א חולי איז לכתחילה "לא אשים עליך כי אני ה' רופאך", און נאכמער – ער, מיט זיין גוף ונה"ב (זיין פערד) און זיינע גשמיות'דיקע זאכן – ווערן א מרכבה צו זיין נשמה, א מרכבה ודירה לו יתברך, די פערד ווייסן אז זיי זיינען פערד נאר אויף פירן די נשמה וואוהין זי דארף גיין.

ועד כדי כך האט מען ניט וואס צו זיין דערפון אראפגעפאלן – ווייסנדיק אז די גאנצע סיבה פארוואס ער שטייט בחודש אדר אין א מצב ירוד (בדוגמא ווי אן עני בערך צו חודש ניסן) – איז בכדי געבן חודש ניסן די מעגלעכקייט צו משפיע זיין און מגלה זיין אין אים דעם ענין פון לכתחילה "לא אשים עליך", און דאס וואס ער איז מרכבה לאלקות, מאכן א דירה בתחתונים – וואס איז נאך העכער פאר די עבודה פון חודש ניסן!

יד. און די הוראה איז ספעציעל גילטיק אין די איצטיקע צייטן, וואו מ'זעט בגלוי ווי די התגברות התאוות פון זמן הקיץ הויבן זיך אן גלייך נאך פסח (וואס צוליב דעם זאגט מען פרקי אבות):

לעצטנס איז געווארן א מאנדע הנהגה (אין מדינות הרוחה), און דוקא בא פרומע אידן, אז גלייך נאך פסח הויבט מען שוין אן דאגה'ן: וואו וועט מען זיין זומער צייט! מ'האט אים איינגערעדט (אדער ער האט זיך אליין איינגערעדט) אז ווען עס קומט זומער דארף ער זיך אפרוען א פאר וואכן – איז כאטש ס'איז נאך געבליבן

עטלעכע חדשים וואס ער דארף נאך זיין אין שטאט – פטר'ט ער צייט און געלט און מנוחת הנפש און איז זיך מבלבל און מבלבל אנדערע – וואו וועט מען זיך אפרוען זומער צייט!...

איז איצטער נאך שטארקער נוגע צו אונטערשטרייכן, אז בשעת דער אויבערשטער בענטשט א אידן מיט הרחבה בגשמיות – און זיכער בענטשט דער אויבערשטער יעדער איד דערמיט – האט מען דאס אים געגעבן ניט אויף הנאה האבן פון עוה"ז (נאר "לא נהניתי מעולם הזה אפילו באצבע קטנה"), נאר אויף צוגעבן אין עבודת ה', און מאכן אויך פון גשמיות א מרכבה צו דער נשמה און צו דעם אויבערשטן.

טו. כשם ווי מ'האט די הוראה פון שבת מברכים אייר בנוגע צו די אייגענע עבודה בעולם, אזוי איז דאס אויך בנוגע צו די עבודה מיט א צווייטן:

דער ירידה (און דערנאך די השפעה) פון חודש ניסן אין חודש אייר לערנט אויך, אז ס'איז ניט גענוג טאן די אייגענע עבודה, נאר מ'האט אויך די אחריות צו "אראפגיין" אין וועלט און משפיע זיין צו אידן אין ענינים פון אידישקייט.

ולהוסיף ביאור בזה: שליחותו פון א אידן בעולם (לשמש את קונו) איז – צו מגלה זיין בכל עניני העולם דעם "אמת ה' לעולם"[72]. ווארום די וועלט איז באשאפן געווארן אין אן אופן פון העלם והסתר, און עס זאל זיין אז ארט אויף א טעות. דארף א איד קומען און דארט מגלה זיין דעם אמת, ווי "כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו"[73].

ועד"ז בנוגע צו דעם וואס שבת מברכים איז משפיע – דארף דאס א איד מגלה זיין, כולל – דורך מגלה זיין דער כח ההשפעה שלו.

ד.ה. אז אע"פ וואס מ'האט שוין מקיים געווען פאר פסח די מצוה פון קמחא דפסחא, מעות חטים פאר עניים[74], און אויך געפראוועט שמחת יום טוב, וואס דאס איז כולל אויך "מאכיל ומקשה לעניים ולמרי נפש" – פונדעסטוועגן, ווען עס קומט שבת מברכים אייר, איז דאס מדגיש נאכאמאל און מיט נאכמער הדגשה די השפעה אויף אנדערע אידן, ובפרט מצד דעם ציווי פון "ואהבת לרעך כמוך"[75].

דערביי קען אבער דער משפיע טראכטן: ווי קען זיין "ואהבת

72) תהלים קיז, ב. 73) אבות ספ"ו. 74) ראה שו"ע או"ח סתכ"ט ס"ה. 75) קדושים יט, יח.

לרעך כמוך" - ווען ער איז דער משפיע און דער צווייטער דער מקבל, ובפרט אויב ער האט נאך א מום וחולי בנפש ר"ל! לערנט אים שבת מברכים אייר: מ'האט אים געמאכט פאר א משפיע און דעם צווייטן פאר א מקבל, ניט ווייל איינער איז העכער פארן צווייטן, נאר בכדי עס זאל זיין השפעת "חסד ואמת". במילא איז דער מקבל "כמוך" פונקט ווי דו אליין. ואדרבה: דער מקבל איז אין דיר משפיע - ער גיט אין דיר אריין די כחות און דעם זכות פון קענען משפיע זיין חסד, און מגלה זיין אין אים ווי מלכתחילה "לא אשים עליך כי אני ה' רופאך", און ווי ער איז א מרכבה צו אלקות.

וואס דאס ברענגט ארויס די געוואלדיקע אחריות וואס ליגט אויף איינעם וואס האט בכח צו משפיע זיין אויף אנדערע אידן (און באמת האט עס יעדער איד בכח, כנ"ל ס"א) - וויבאלד אז די כחות זיינען ניט זיינע אייגענע, נאר כחות וואס מ'האט אים געגעבן בכדי צו משפיע זיין חסד ואמת. און נאכמער: פון דעם עני המקבל האט מען צוגענומען די ענינים - בכדי אז דער משפיע זאל האבן דעם זכות צו זיי משפיע זיין צו אים!

און דעריבער דארף די השפעה זיין ניט בלויז אין איין פרט, נאר אין אלע ענינים, אזוי ווי די ברכה והשפעה פון שבת מברכים איז מיט אלע ששה לשונות של ברכה, וועלכע זיינען אין זיך כולל אלע ברכות, און ברכות ניט בלויז אויף איין טאג, נאר אויף די עבודה פון א גאנצער חודש, וואס איז כולל א ריבוי שינויים אין זמן ומקום וכו'.

און ניט בלויז משפיע זיין, און נים טראכטן צי דאס ווערט נתקבל און פועל'ט אויף דעם מקבל - נאר מ'איז מסיים ברכת החודש "ונאמר אמן", אז דאס פועל'ט דער נצחון בפועל[76].

און וויבאלד אז תורה מאנט די אלע זאכן פון א אידן - איז דא דער כלל אז "איני מבקש כו' אלא לפי כחן", האט מען זיכער די כחות אויף דעם.

און נאכמער: די כחות דאס מקיים זיין ווי תורה מאנט - בשמחה ובטוב לבב, ביז אין אן אופן פון "מפזז ומכרכר" "בכל עוז" (ווי עס שטייט אין היינטיקע הפטרה[77]). ואע"פ אז דאס איז געווען דוקא הנהגת דוד המלך, ועד כדי כך אז אפילו מיכל בת שאול - וואס זי איז דאך געשטאנען אויף א דרגא הכי נעלית (כמובן מזה וואס זי איז געווען א מנחת תפילין[78]), אעפ"כ האט זי געזאגט אויף

---

76) ראה נזיר בסופה. 77) ש"ב ו, טז. שם, יד. 78) עירובין צו, א.

הנחות הת' בלתי מוגה

דעם וואס דוד איז מפזז ומכרכר "ותבז לו בלבה"*[78] – אעפ"כ פסק'נט דער רמב"ם אז קיום המצוות איז טאקע אן "עבודה גדולה", אבער יעדער איד דארף דאס מקיים זיין באופן פון "מפזז ומכרכר", ווי ער ברענגט דארטן דעם פסוק.

טז. ויהי רצון, אז דורך די עבודה פון ממשיך זיין קדושה אין די ימי החול פון חודש אייר, די קדושה פון "מקרא קודש" (פון חול המועד, און נאך העכער – פון יו"ט), ביז פון קדושת שבת (וואס ווערט אנגערופן "קודש")[79] – זאל מען צואיילן דעם יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים[80], וואס קומט בסמיכות צו די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו,

און מ'האט דעמולט שלימות אין מנוחת הנפש ומנוחת הגוף, און שלימות בכל העולם כולו.

ובפשטות – אז אלע אידן, "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[81], וכספם וזהבם אתם[82], גייען עם ענני שמיא[83] ברגע כמימרא, ולא עכבם אפילו כהרף עין[84] – אין ארץ הקודש,

און ארץ הקודש גופא אין אן אופן פון "נסי נסים" – "ירחיב ה' אלקיך את גבולך"[85], ארץ שבעה עממין, צוזאמען מיט די שלשה עממין, קיני קניזי וקדמוני.

כאמור, בגאולה האמיתית והשלימה, אז משיח צדקנו אליין קומט צוגיין און איז גואל יעדער איד באזונדער, ומתוך שמחה וטוב לבב, אלע אידן צוזאמען, ובמהרה בימינו ממש.

* * *

יז. נוסף אויף כל האמור לעיל וואס איז בשוה בא שבת מברכים אייר בכל שנה ושנה – דארף מען אויך ארויסנעמען א הוראה פון הייניקער קביעות פון שבת מברכים אייר, בכ"ו ניסן,

כידוע תורת הבעש"ט[86] אז פון יעדער זאך אין וועלט דארף מען ארויסנעמען א הוראה, עאכו"כ פון א זאך פארבונדן מיט תורה.

בכדי וויסן דעם תוכן פון כ"ו ניסן – דארף מען ארייננקוקן

---

*78) ש"ב שם, טז. 79) ראה זח"ג צד, ב. לקו"ת צו יב, א ואילך. סידור עם דא"ח ריז, א ואילך. 80) תמיד בסופה. 81) בא י, ט. 82) ישעי' ס, ט. 83) דניאל ז, יג. וראה סנהדרין צח, א. 84) ראה מכילתא ופרש"י בא יב, מא. 85) ראה יב, כ. שופטים יט, ח. 86) כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות סקכ"ז ואילך. וש"נ.

הנחת הת' בלתי מוגה